


# פארמיידן פראבלעמען מיט אייער UI קלעים

## וויאזוי צו פארזיכערן צייטליכע און פונקטליכע ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס (UI) בענעפיט צאלונגען

### זייט אויפריכטיג

בדווקא צוריקהאלטן אדער צושטעלן פארפירנדע, נישט ריכטיגע אינפארמאציע אויף א קלעים פאר UI בענעפיטן ווערט פארערכנט ווי שווינדל, וועלכע מען קען באשטראפן דורכ'ן געזעץ. זייט זיכער צוויי מאל איבערצוקוקן אז אלע אינפארמאציע איר געבט איז ריכטיג, ווען איר געבט איין א קלעים פאר UI בענעפיטן.

### ✓ רעגיסטרירט אלץ אן ארבעטזוכער

איר דארפט אריינגעבן אן אפליקאציע מיט דער ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבאר (NYSDOL) פאר UI בענעפיטן.די גרינגסטע וועג צו זיך איינצוגעבן איז אנליין אויף unemployment.labor.ny.gov. יעדע קלעים איז אייגנארטיג און דארפט ווערן אפגעשאצט דורך NYSDOL צו באשליסן בארעכטיגקייט. דורכאויס די צייט, וועט NYSDOL צושטעלן ארבעט זוכערי סערוויסעס וואס זענען אויסגעשטעלט אייך צו העלפן צוריקגיין צום ארבעט ווי שנעל מעגליך.

### ✓ זוכט אקטיוו פאר ארבעט

איר דארפט אויספירן כאטש דריי ארבעט זוכערי אקטיוויטעטן פאר יעדער וואך וואס איר געבט אריין א קלעים פאר בענעפיטן. מאכט זיכער צו האלטן א רעקארד פון אייערע ארבעט זוכערי אקטיוויטעטן, ווייל אייער קלעים קען ווערן אויסגעוועלט פאר אן אודיט סיי וועלכע צייט.

### ✓ זאגט נישט אפ קיין פאסיגע ארבעט

אפזאגן א פאסיגע פארשלאג פון ארבעט קען פאראורזאכן אין א צוריקווייז אדער פארשפעטונג פון אייער בענעפיט צאלונגען.

באזוכט אונזער וועבזייטל אויף dol.ny.gov/unemployment אויב איר האט נאך פראגעס וועגן אייער קלעים.

### ✓ באריכט אלע ארבעט

איר מוזט באריכטן אלע שעות איר האט געארבעט פאר יעדע וואך איר ארבעט ווען איר געבט זיך איין פאר UI בענעפיטן, אריינגערעכנט פארט-טיים אדער צייטווייליגע ארבעט.

### ✓ ליינט די אינפארמאציע צוגעשטעלט

איר זענט פאראנטווארטליך צו וויסן און נאכפאלגן ניו יארק'ס UI פארשריפטן ווען איר געבט זיך איין פאר UI בענעפיטן. צו פארמיידן גרייזן וואס קען פאראורזאכן אין אן איבערצאלונג, דארפט איר פארזיכטיג דורכליינען אלע מאטעריאלן געשיקט צו אייך און ענטפערן אלע פארלאנגען.

זעט די UI קלעימענט בענעפיט פראצעדור אנווייזונג

P856 Y (04/23)

דער ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבאר איז אן אייניגע געלעגנהייט ארבעטסגעבער\פראגראם. בייהילפיגע הילפסמיטלען און סערוויסעס זענען אוועילעבל לויט פארלאנג און אומזיסט פאר מענטשן מיט באגרעניצונגען TTY/TDD 711 אדער 1-800-662-1220 (ענגליש) / 1-877-662-4886.